**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע פארשריט מיט בעסער מאכן די אלגעמיינע רייזנדע ערפארונג ביי סאראטאגע קאונטי לופטפעלד**

***אויפבוי פון נייע פארגעשריטענע טערמינעל, און דערנעבנדע האנגאר (ארט פאר פליגערס) וועט איבערארבעטן סאראטאגע קאונטי לופטפעלד צו ווערן א רייזע צענטער פאר ביזנעס און וועלט-קלאסיגע פארוויילונגס ערטער***

***פראיעקט האט באקומען 27 מיליאן דאלער דורך דעם גאווערנער'ס אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט***

***געמאלטע בילדער צו זען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מען האלט שוין אינמיטן גרויסארטיגע בוי-ארבעט אויף א פארצווייגטע פראיעקט צו בויען א נייע טערמינעל און דערנעבנדע האנגאר ביי די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד, מיט די צוגאבע פון ברייטע ריינע ענערגיע פארבעסערונגען ערווארטעט אין די קומענדיגע מאנאטן. די ארבעט צילט צוצושטעלט מער א טויגליכע און געשמאקע רייזע ערפארונג פאר רייזנדע, ספעציעל דורכאויס די פארנומענע זוממער סעזאן. די פראיעקט, וואס האט באקומען 27 מיליאן דאלער פון דעם גאווערנער'ס 230 מיליאן אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט, וועט צושטעלן א נייע פעסטגעשטעלטע אפעריטער טערמינעל געביידע צו ארייננעמען א נייע ווארטן אומגעגנט, פלאץ פאר געשעפטן, פלאץ וואו צו דינגען קארס, און א באהאפטענע 20,000 סקוועיר-פיסיגע האנגאר, צווישן אנדערע פארבעסערונגען. פארבעסערונגען, ארייגערעכנט סאולער פאנעלן אויפ'ן האנגאר טייל פונעם נייע טערמינעל געביידע, געאטערמאל וועלס פאר הייצונג און קילונג, און עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשערס וועלן ארויסהעלפן פאר דעם לופטפעלד צו זיך איינגלידערן מיט ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צילן.

"די אייזענע וועגט און זוילן וועלכע ווערן יעצט ארייגעלייגט ביים ארט פון די נייע סאראטאגע קאונטי לופטפעלד געביידע זענען א סימבאל פון אונזער שטארקע איבערגעגעבנקייט צו אראפלייגן די יסוד פאר דאס צוקונפט פון ניו יארק'ס אפסטעיט לופטפעלדער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד שטייט יעצט צו ווערן א הויפט באהעפטער פאר באקאנטע ביזנעסעס און אינדוסטריס, אזוויי GlobalFoundaries און General Electric, און איז א באלאכטענע טויער פאר די אייגנארטיגע לעבעדיגקייט וואס די ראיאן שטעלט צו, ארייגערעכנט די שנעלע סצענע פון די סאראטאגע רעיס קאורס און די צוגעקומענע איבערראשונג פון די 2024 און 2025 בעלמאנט סטעיקס."

די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד איז געווען איינס פון ניין לופטפעלדער וועלכע האבן באקומען א סך הכל פון 230 מיליאן דאלער אין די לעצטע רונדע פון די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט געלטער, [אנאנסירט דורך גאווערנער האקול אין 2022](#). די געלטער זענען

געמאכט צו שטארקן, אויפלעבן און פארשנעלערן אינוועסטירונג אין לופטפעלדער ארום אפסטעיט ניו יארק.

גרויסארטיגע בוי-ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף די נייע טערמינעל געביידע און דערנעבנדע ארט פאר פליגערס, אריינגערעכנט געאטערמאל וועלס פאר הייצונג און קילונג, צעמענטענע ערד און יסודות, און בויען אייזענע ווענט. די ארבעט צו פאררעכטן די צעמענט ארום דעם לופטפעלד איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן דעם הערבסט, נאך די טרעק סעזאן ענדיגט זיך.

די 2024 בעלמאנט סטעיקס וועט פארקומען ביי די סאראטאגע רעיס קאורס אויף יוני 8, 2024, און נאכאמאל אין 2025, אינעם צייט וואס בעלמאנט פארק אין עלמאנט, ניו יארק גייט אדורך א גרויסארטיגע איבערבויען פראיעקט. די טויש אינעם ארט איז ערווארטעט צו הייבן אינטערעס און באטייליגונג. צו פארנעמען אן ערווארטענע פלוס פון פליגערס אינמיטן די ארבעט, וועט די לופטפעלד מעגליך נוצן איינע פון די לופטפעלד'ס ראנוועיס פאר נאך פלאץ צו פארקירן פליגערס, אויב עס פעלט אויס.

אויך, וועלן רייזנדע וועלכע פארן פאר פארוויילונג נוצן דעם לופטפעלד צו באזוכן די ראיאן'ס וועלט-קלאסיגע פארוויילונגס ערטער, אריינגערעכנט די סאראטאגע פערפארמינג ארטס צענטער און סאראטאגע ריעס קאורס. פיל פון די העכער מיליאן יערליכע באזוכער פאר די פערד רעיסינג סעזאן נוצן די לופטפעלד און די איינריכטונג, אבער עס דינט אויך אלס א הויפט טראנספארטאציע באהעפטער צווישן סאראטאגע קאונטי און די אנדערע טיילן פון די סטעיט, לאנד, און וועלט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונג אין אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער, זעען מיר פארגעשריטנקייט אויף א פארנעם וואס איז קיינמאל פריער נישט געזען געווארן אין ניו יארק. אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער שפיגלען אפ די עקאנאמישע געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קאמיוניטיס, און איך פריי זיך צו קענען מיטהאלטן די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד'ס מאדערנעזירונג רייזע, וואס וועט נישט בלויז פארבעסערן די אלגעמיינע ערפארונג פאר רייזנדע, נאר אויך שטארקן די ראיאן'ס צענטראלישקייט און עקאנאמישע וואוקס."

געבויעט אין 1943, דינט דעם לופטפעלד פריוואטע פליגערס מיט צוויי ראנוועיס און ווערט געפירט דורך אוועקגעשטעלטע ארבעטער, North American Flight Services (צפון אמעריקאנער פלי-רייזע סערוויסעס). א האנגאר איז גענוצט געווארן פאר אפיס פלאץ, אינאיינעם מיט א רייזנדע ווארטן אומגעגנט, פלי-רייזע פלאנירונג פלאץ און קליינע קאנפערענץ צימער.

די אפגעשאצטע 35.2 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו מאדערניזירן דעם איינריכטונג מיט א נייע טערמינעל געביידע, דערנעבנע האנגאר און ריינע ענערגיע פארבעסערונגען וועט נישט בלויז שטארקן פליען סערוויסעס, נאר עס וועט אויך ציען נייע טענענטס פאר קאר רענטאלס און עסנווארג אויסוואלן, וואס דאס וועט בעסער מאכן די אלגעמיינע רייזנדע ערפארונג פאר רייזנדע וואס זוכן צו געניסן פון די ראיאן'ס פארוויילונגס ערטער.

די נייע טערמינעל'ס לאבי וועט פארשטעלן א צוקוקונג ארט פאר קלאסישע קארס פון די סאראטאגע אוטאמאביל מוזעאם, און די צווייטע שטאק פון די געביידע וועט צושטעלן ארט פאר פילאטן, ווי אויך פלאץ פאר א רעסטוראנט און אן אקסהיביט פלאץ פאר לאקאלע קונסטלער. די האנגאר וועט אויך האבן אן אויסוואל פון סאולער פאנעלן צו העלפן נידערן די לופטפעלד'ס געמיינזאמע קארבאן פיס-אפדרוק.

**סטעיט סענאטאר דזשים טעדיסקא האט געזאגט,** "די נייע פארבעסערונגען צו די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד וועט העלפן מאכן די הויפט טראנספארטאציע צענטער א ריכטיגע דורכגאנג צו די הערליכע

וועלט-קלאסיגע טוריסט און עקאנאמישע ציל פאר ביזנעסעס גרויסע און קליינע, אריינגערעכנט הויכע טעכנאלאגיע, וועלכע סאראטאגע קאונטי און סאראטאגע ספרינגס זענען געווארן."

**אסעמבלימיטגליד קארי ווערנער האט געזאגט,** "איך בין גאר צופרידן צו זען ווי די פראיעקט הויבט זיך אן און בין זייער דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס שטיצע פאר פארבעסערונגען ביי סאראטאגע קאונטי לופטפעלד. די אפגרעידס וועלן פארבעסערן די ערפארונג פון די פילע באזוכער וועלכע קומען צו סאראטאגע ספרינגס דורכאויס די רעיסינג סעזאן און דורכאויס די יאר."

**אסעמבלימיטגליד מערי בעט וואלש האט געזאגט,** "איך בין צופרידן אז די סטעיט האט אנערקענט די פארמערנדע פארוויילונגס ערטער אין סאראטאגע קאונטי. די שטארקע וואוקס ארום אונזער קאונטי ווייזט שטארק אויף די העפליכקייט און טוריסם אינדוסטרי און איך קען קוים ווארטן צו זען וויאזוי דאס פארברייטערונג העלפט פאראויס רוקן אונזער עקאנאמישע וואוקס."

**סאראטאגע קאונטי באורד פון סופערווייזערס טשעירמאן פיל בארעט האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו מעלדן אז די בוי-ארבעט ביי די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד הויבט זיך שוין אן. אונזער אינוועסטירונג אין די קאונטי לופטפעלד וועט איבערטוישן ביזנעס און פארוויילונגס רייזעס צו און פון סאראטאגע קאונטי. דאס מאדערניזירונג פראיעקט וועט אנטוויקלען א שטארקע, ענערגיע-שפארזאמע געביידע וואס וועט זיין מער ווי בלויז א לופטפעלד טערמינעל; עס וועט זיין אן ענטפאנגונגס צענטער וואס ווייזט די פארשידענע פארוויילונגס ערטער און באקוועמליכקייטן פון אונזער גרויסע קאונטי. די געלטער באקומען דורך ניו יארק סטעיט און FAA וועט העלפן אויסגלייכן די אינוועסטירונג געמאכט דורך די סאראטאגע קאונטי באורד פון סופערווייזערס. מיר זענען דאנקבאר פאר זייער שטיצע פון אונזער איניציאטיוו צו אויפלעבן און ווידער פארעמען די סאראטאגע קאונטי לופטפעלד, וועלכער איז א וויכטיגע דורכגאנג פאר אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און איז אפן פאר אפסטעיט קאמערציעלע פאסאנזשיר סערוויס לופטפעלדער און פאר לופטפעלדער וועלכע שטעלן צו ספעציאליזירטע סערוויס פאר קאמערציעלע פליגער און/אדער פריוואטע ביזנעס פליגער. אפליקאנטן זענען געמוטיגט געווארן צו אפלייען פאר פינאנצירונג פאר אן איינצלנער פראיעקט אדער פאר א פראגראם פון עטליכע פראיעקטן צו העלפן נאכקומען די פארלאנג פון די 21'סטע יאר הונדערט. פראיעקטן אריינגעגעבן צו ווערן איבערגעקוקט דורך בארעכטיגטע לופטפעלדער זענען אפגעשאצט געווארן באזירט אויף אוועקגעשטעלטע באדינגונגען, אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו פארגעשריטענע דעזיין, רייזנדע באקוועמליכקייטן און ערפארונג, ארבעטס טעטיגקייט, און עקאנאמישע ווירקזאמקייט פאר דעם ראיאן פונעם לופטפעלד.

די לופטפעלד ענדיגט יעצט צו צוויי אנדערע פראיעקטן: א נייע זעקס בעי טי-האנגאר צו האלטן פליגערס, און א געביידע פאר שנייע אוועקפירונג געצייג, וועלכע זענען טיילווייז באצאלט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע'ס לופט קאפיטאל פארבעסערונגס פראגראם."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן